# מוסדותינו




ארויסגעגעבן דורך:

#10

## ישיבה תו״י ובית רחל דרב״י מסאטמאר, קרית יואל יצ״ו

נייעס, אינפארמאציע און אנטוויקלונגען פון אונזערע מוסדות הק׳ מיט איבער 6,000 קינדער כ״י

כסליו תשס״ט
פר׳ ויצא


# וויי געשריי פון הנהלת המוסדות דינערט אפ ערב יערליכן ״דינער״ קומענדיגן מוצש״ק

אין די יעצטיגע טעג ווערן געמאכט די לעצטע מאסיווע צוגרייטונגען צום גרויסארטיגן מעמד דינער השנתי פון די מוסדות הקדושים דרבינו יואל ד׳סאטמאר בעיר עוז לנו קרית מלך רב, וואס וועט פארקומען אי״ה קומענדיגן מוצש״ק פ׳ וישלח הבעל״ט, במקהלות אלופי אלפי אנ״ש תושבי עירינו, מרנן ורבנן ותלמידיהון ובראשם ועל צבאם הוד כ״ק מרן אדמו״ר הגה״ק שליט״א.

ווי באקאנט איז יעדעס יאר דער דינער פאר די מוסדות הק׳ גאר א ספעציעלער מאמענט, ביי וועלכן עס קומען זיך צונויף תחת קורת גג אחד טויזנטער תושבי הקרי׳, זקנים עם נערים, מיט׳ן ציל ארויסצואווייזן שטיצע און מחזק צו זיין די מעכטיגע תורה ויראה פעסטונגען אין דער שטאט, וואס וואקסן און בליען לשם ולתפארת ולתהלה, תחת דגל נשיאות כ״ק מרן רבינו עטרת ראשינו שליט״א.

די הכנות און שטורמישע געפילן צום דינער זענען אויפ׳ן העכסטן קלימאקס און מיט גרויס שפאנונג גרייט זיך דער גאנצער ציבור צום מעמד דינער השנתי, מחזק צו זיין די הייליגע מוסדות החינוך, שיסדה וכוננה מרן הקוה״ט רשכבה״ג זי״ע, וזאת היתה משאת נפשו כל הימים, צו פארזיכערן בעז״ה ווייטער די בעסטע חינוך לתורה ויראה פון די אייגענע קינדער און די צוקונפטיגע דורות.

דער וועד הדינער, אינאיינעם מיט א ברייטע שטאב עסקנים, זיצן אין די טעג אויף נאכאנאנדע מיטינגען, און ארבעטן אויס א העכסט-רייכן פראגראם וואס זאל אויף לאנג געדענקט ווערן ביים ציבור, מיט פארשידענע בעסערע שינוים לטובה ווי אין די פארגאנגענהייט. עס ווערט פארשפראכן אי״ה א גאר איינגענעמער אוונט און עטליכע שעות של קורת רוח פאר׳ן גאנצן באטייליגטן ציבור.




אינהאלט:


נייעס........................................1-4

רבינו הקדוש זי״ע בן גמלא שותף..............3

א בליק אויף בית רחל........................6

פרי וואן עי׳..................................9

לעבעדיגע אקטיוויטעטן חשון.......16-18



די ״מוסדותינו״ ווערט ארויסגעשיקט פאר ביזנעסלייט תומכים.

אויב איר ווילט עס באקומען אין אייער ביזנעס דאן שיקט אריין צו דעם אדרעס:

utakjreport@gmail.com

אדער רופט אריין אין אפיס:

845- 783-5800 # 1013

# 'קעש גורל' בראשור ארויסגעשיקט מיט הונדערטער געווינס מעגליכקייטן

## מינימום גורל איינטריט: א נדבה אויפ'ן פלאץ פון $250 און העכער

ווי אלע יארן, איז אויך היי-יאר פראקלאמירט געווארן די שוין-בארימטע הונדערטער ווערדפולע "זילבער גורלות" און די "גאלד גורלות", וואס איז געווידמעט פאר די אלע נתבעים ונותנים, וועלכע ברענגען זייערע נדבות צום דינער. די גורל ווערט אונטערגענומען צוליב וואס די הנהלה נויטיגט זיך אין די מאקסימום קעש אויפ'ן פלאץביים דינער.

ביים דינער וועלן אויסגעראפעלט ווערן נאנט צו דריי הונדערט ווערטפולע גורלות פון שטארק נוצבארע ארטיקלען פאר די וואס וועלן ברענגען זייער נתינה צום מעמד מיט א מינימום פון 'צוויי הונדערט און פופציג דאלער'. (מיט יעדע נדבה פון הונדערט דאלער און העכער באקומט מען נאך א גורל).

למען תועלת הרבים האט די דינער קאמיטע היי-יאר אריינגעלייגט ספעציעלע כוחות, אז די ראפעל קאמפיין זאל זיין וואס מער ווערדפול און רייך, און ס'זאל ציען די מאקסימום אינטערעסע און שפאנונג פונעם ברייטן ציבור, זיך אנצושליסן דערין.

די ארטיקלען באשטייען היי-יאר פון פארשידענע גאר נוצבארע ארטיקלען, וואס קען שטארק צוניץ קומען פאר די גאנצע משפחה, פון קליין ביז גרויס.

דער זעלטענער גרויסער גורל סיסטעם האט א שטארקע מעלה, מיט'ן ערמעגליכן א גרעסערע מעגליכקייט פאר אלע משתתפים צו קענען געווינען די גורלות.

אין די טעג קומען אן אויף די פאסט צו אלע איינוואוינער, אן אינטערעסאנטע און אינהאלטסרייכע בראשור, אין וועלכן עס ווערט לעבעדיג געדעקט ווערן די 300 ווערדפולע גורלות, ואינו דומה שמיעה לראי'.

ווי אלע יארן, וועט מען אויך היי יאר קענען אריינגיין אינעם גורל דורך באצאלן דעם גאנצן נדבה מיט א "קרעדיט קארד" אדער "העד טשעקס", וואס דאן באקומט מען אויך ראפעלס פאר'ן גאנצן סכום וואס מ'איז מנדב.



# ווארימע אפרוף צו צען פראצענט העכערונג אין דינער נתינות

## גרויס שוואונג צו שאפן ספאנסערס פאר אלע 1818 בני עניים אין די מוסדות הק'

ווי שוין באריכטעט, איז דער היי-יאריגער "דינער-קאמפיין" פראקלאמירט געווארן אלס אן "עמוירדזשענסי אקציע להצלת המוסדות", אין ליכט פון דער אויסטערליש שווערער פינאנציעלער מצב, וואס האט א געוואלדיגן אפעקט אויף דעם ריזן תורה אימפעריע מיט אירע טויזנטער תלמידים ותלמידות כ"י בליעה"ר.

ווי עס איז ליידער באקאנט, האט דער עקאנאמישער קריזיס באטראפן א גרויסן טייל מאנ"ש, אריינגערעכנט אויך פילע פארמעגליכע פארדינער, וועלכע פלעגן אלץ געבן גרויסע שטיצע פאר די מוסדות, אבער יעצט קענען זיי דאס ליידער נישט באוויזן.

ווי אויך האבן צענדליגער משפחות ליידער פארלוירן זייער מקור הפרנסה ר"ל, און דאס האט געברענגט א פרישע צופלוס פון בני עניים אין די מוסדות הק', בנוסף צו די ביז יעצטיגע, וואס איז צוזאמענגעשטעלט פון "עמוירדזשענסי קעיסעס", דאס הייסט פעלער וואו עס איז בכלל נישטא קיין ראש המשפחה וואס זאל פארזארגן די קינדער און זיי אינזינען האבן, ה"י, צב"ש יתומים ויתומות, אדער משפחות מיט געזונטהייט פראבלעמען ר"ל וכדומה. ווי אויך פון פילע הונדערטער בני עניים און א גרויסע חלק פון מרביצי תורה וכלי קודש, וואס קענען גענצליך נישט צאלן קיין שכר לימוד, און טייל בלויז א מינימאלע אפצאל..

סך הכל געפינען זיך היינט אין די מוסדות הק' דער ריזיגער ציפער פון 1,818 "בני עניים", וואס דאס באטרעפט "30 פראצענט" קינדער פון די מוסדות! וואס בלויז פאר די אלע קינדער אינאיינעם, פאלט ארויף א לאסט אויף די הנהלה צו שאפן די פאנטאסטישע סומע פון זיבן מיליאן, דריי הונדערט און איין טויזנט מיט צוויי הונדערט און אכט דאלער!

די אונטערשטע שורה איז, אז נאך אלע הכנסות, אריינגערעכנט די אלע 'בן גמלא ספאנסערס' א.א.וו. בלייבט היי-יאר איבער א ריזיגער דעפיציט פון 3 מיליאן דאלער! הויפטזעכליך צוליב די פרישע בני עניים און די עקאנאמישן קריזיס, ווען די הוצאות זענען דראמאטיש געשטיגן און די הכנסות זענען שטארק געפאלן.

דער אויסטערלישער שווערער מצב האט שטארק בארירט דעם ציבור, און במשך די יעצטיגע וואכן גייט אן א העפטיגן קאמפיין, אויפצואורבעטן פרישע ספאנסערס אינעם "בן גמלא" קאמפיין, ווי אויך צו העכערן די נדבות פונעם ציבור מיט 10 פראצענט, כדי צו קענען עטוואס עסטאבליזירן דעם פינאנציעלן מצב.

די עסקנים ווערן ב"ה זייער ווארעם און העפליך אנטפאנגען פונעם צופרידענעם ציבור, וואס שטראלן פאר נחת פון די הערליכע פירות און רוחניות'דיגע ניוואו פון די מוסדות הק' אין יעדן הינזיכט, און דאס איז א שטארקער גורם, אז דער ציבור זאל זיך משתתף זיין מיט גאר שיינע סכומים, מער ווי געווענליך, ארויסווייזנדיג זייער הכרת הטוב פאר די הייליגע מוסדות.

ואת עמלינו אלו הבנים!

# רבינו הקדוש זי"ע, א "בן גמלא" שותף

רעדנדיג פון בני עניים איז כדאי צו דערמאנען וואס זקני החסידים פארציילן, אז כ"ק מרן רבינו הקדוש בעל דברי יואל זי"ע האט פערזענליך אויסגעהאלטן 'פינף' קינדער בני עניים אין די מוסדות הק', וועמענס שכר לימוד ער האט אויסגעצאלט מדי חודש בחדשו.

ס'איז באקאנט, אז הרה"ח ר' עזריאל גליק שליט"א משב"ק, איז געווען דעם רבינ'ס שליח איבערצוגעבן דעם שכר לימוד פאר די 5 בני עניים, אין אפיס פון די מוסדות הק'.

דאס הייסט אז רביה"ק זי"ע זעלבסט, איז געווען א 'בן גמלא' ספאנסער... און זיך איינגעקויפט א שותפות אין די תורה הק' פון די בני עניים.

און באמת איז דאס אין איינקלאנג מיט די הייליגע ווערטער וואס דער רבי זי"ע האט כמה פעמים געזאגט ביי די דינער תורה'ס, און ס'איז געדרוקט אין דברי יואל פ' בשלח, איבער דעם שותפות בכוח התורה פון א בן עני, וזלה"ק: "**ע"י הילד הלומד בסיבתו**" שהוא גורם והביאו לידי כך הוא, ג"כ שותף בכוח התורה ההוא וכו', ע"כ יש לו חלק בלימודו, הרי הוא משא ומתן חד וחלק יפה עד מאוד (זייער א שארפע ביזנעס) וכו', "**אשרי חלקו של כל יהודי הנוטל חלק בזה**".

דאס איז אויסער די הייליגע ווערטער וואס דער רבי זי"ע שרייבט איבער דעם ענין, אין ספה"ק ויואל משה, אז "ביי קיין שום עבירה מדאורייתא, אפילו ביי די גאר הארבע, ווי אויך ביי קיין שום תקנת חז"ל, געפינען מיר נישט אז די חכמים האבן אזוי מחמיר געווען, ווי אויף דעם וואס מען פארזארגט נישט דעם חינוך פון די ארימע קינדער".

דערפאר איז אודאי צו ערווארטן, אז תלמידי וחסידי רבינו הק' זי"ע וועלן נאכטאן זיינע הייליגע דרכים און זיך אונטערנעמען צו ספאנסערן א "בן גמלא" קינד פון די מוסדות הק', וואס דערמיט שאפט מען זיך א ריכטיגער שותף "יששכר זבולון", וואס דער זכות דערפון איז עד אין לשער.

**הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה!**

**"צוגעשטעלט פון די תלמידי המוסדות,**
**געדרוקט דורך די הנהלת המוסדות,**
**און געשאנקען פאר די תומכי המוסדות"**

# ספר "זקניך ויאמרו לך" ח"א
# ארויס אין דרוק בשעטומ"צ

## - וועט פארטיילט ווערן פאר אלע נותנים ביים דינער מוצש"ק הבעל"ט -

אין די טעג איז בסייעתא דשמיא פארענדיגט געווארן און ארייגעגעבן געווארן צום דרוק, דער הערליכער ספר "זקניך ויאמרו לך" חלק ראשון, וואס וועט בעז"ה זיין די שענסטע מתנה וואס ווערט "צוגעשטעלט פון די תלמידי המוסדות, געדרוקט דורך די הנהלת המוסדות, און וועט אי"ה געשאנקען ווערן פאר די חשוב'ע תומכי המוסדות", ביים גרויסארטיגן דינער מוצש"ק פ' וישלח הבעל"ט.

דער נאמען "זקניך ויאמרו לך" איז ווארשיינליך נישט קיין נייעס פאר א גרויסע צאל עלטערן פון תלמידי מוסדותינו הק'. די עלטערן פון די תלמידים פון כיתות ח' ט' בשנת תשס"ח, זענען אוודאי גוט באקאנט דערמיט.

דער אינהאלטסרייכער גליון וואס איז וועכנטליך ערשינען אין די ת"ת, ווען די יונגע קינדער אין עלטער ארום די בר מצוה, האבן ברוב עמל ויגיעה זוכה געווען צוזאמצושטעלן דעם וואונדערבארער חומר פון דעם ספר. זיי האבן זיך געפלאגט דערויף, זיי האבן דאס מלקט געווען, זיי האבן דאס אפגעשריבן, און זיי האבן דאס איבערגעגעבן אז דאס זאל פארשפרייט ווערן לאור עולם, און פארבלייבן א מזכרת נצח.

דער ספר איז צוזאמגעשטעלט געווארן און באארבעט געווארן דורך די "מערכת הכתיבה", וואס איר עיקר ציל איז זיך אפצוגעבן מיט'ן שרייבן פון די קינדער, אויסלערנען די קינדער שיין-שרייבן, אידיש און לשון הקודש, כדי זיי זאלן ארויסגיין פון די ימי הילדות וויסנדיג וויאזוי מ'שרייבט א בריוו, א דבר תורה, וואס דאס איז געווען צווישן די זאכן וואס רביה"ק זי"ע האט פארלאנגט ווען ער פלעגט אפהאלטן אסיפות מיט די מנהלים און מלמדים. פון די צווייטע זייט ווערט אויך ארייגעלייגט גרויסע כוחות צו פארברייטערן די ידיעות פון די תלמידים.

אלס טייל פון די עבודה"ק צו לערנען די קינדער שרייבן און פארברייטערן די ידיעות, ווי אויך דער געוואלדיגער טיפער חינוכ'דיגער יסוד, צו בויען א קשר צווישן די זיידעס מיטן די יונגע אייניקלעך, צו וועבן דעם גאלדענעם קייט מדור דור, האט די "מערכת הכתיבה" אנגעהויבן ארויסצוגעבן דעם גליון "זקניך ויאמרו לך", פאר דעם איינעם ציל, צוגעוואוינען די קינדער צו גיין צום זיידן און אים בעטן אז ער זאל עפעס דערציילן, דאס קינד זאל הערן די הייליגע ווערטער, ער זאל דאס איינקריצן אין הארץ, און אפשרייבן אויפ'ן פאפיר.

במשך דעם יאר תשס"ח איז ב"ה ארויסגעקומען נאנט צו 50 גליונות מיט אן ערך פון 500 מעשיות! עס איז דער מציאות אז צענדליגער תלמידים האבן צום ערשטן מאל געהערט פון זייערע זיידעס ערשטהאנטיגע עפיזאדן פון זייערע רבי'ס, פון די אבות המשפחה, און זייערע אייגענע איבערלעבענישן, מסירות נפש'דיגע עפיזאדן וואס ברענגט ארויין אין די יונגע הערצער יראת שמים אויף א געוואלדיגן אופן, אויסער דעם וואס עס בויט אויף דעם רעספעקט צום פריערדיגן דור, און א געפיל פון יראת הכבוד און שעצונג צו אונזער טייערסטער אוצר וואס מיר האבן נאך, וואס אילו לא באנו אלא בשביל זה דיינו.

אויסער דעם איז צום שטוינען ווי שיין די תלמידים האבן דאס אפגעשריבן, מעשי אומן, און איבערגעגעבן אז דאס זאל געדרוקט ווערן אין די גליונות פון 'זקינך'.

דעריבער איז דאס א שטארק פריידיגע בשורה, סיי פאר די חשוב'ע תלמידים וואס זיי האבן צונויפגעשטעלט דעם ספר, ווי אויך פאר'ן ברייטן ציבור וואס וועט אוודאי שטרק הנאה האבן פון אזא שיינעם ספר וואס ווערט געשאנקען לכבוד דעם דינער, און דאס איז שטיקעלע 'סימבאל' פון אן אפס קצהו פון וואס מ'פילט אן די מוחות פון די צאן קדשים, אין צוגאב צו דאס עצם לימוד וידיעת התורה.



# צאל איך די
# ׳ריכטיגע׳ פרייז
# וויפיל עס קאסט א קינד?

## פאקט:

**רוב עלטערן וואס שטרענגען זיך אָן צו צאלן אפילו די העכסטע שכ״ל פרייזן, צאלן באמת פיל ווייניגער וויפיל די ריכטיגע קאסטן פון א קינד**

פאלגנד זענען די ריכטיגע חודש׳ליכע ׳קאסט פרייז׳ וויפיל עס קאסט א קינד ״פאר די מוסדות״:

| תלמוד תורה | בית רחל | הויעך שולע | בית רחל | ישיבה קטנה וצעירים |
|---|---|---|---|---|
| ק״ג ביז כתה ט׳: | ק״ג ביז 8׳טע קלאס: | פון 9׳טע ביז 11׳טע קלאס: | 12׳טע קלאס: | |
| $300 | $250 | $325 | $380 | $600 |

(דאס זענען די אנגענומענע ״קאסט פרייזן״ ביי אלע היימישע מוסדות אין נ.י.)

**האלט פאר אייערע אויגן דעם פסק הלכה פון גדולי הפוסקים ובראשם מרן בעל מנחת יצחק זצ״ל** (אין א תשובה פאר די הנהלת המוסדות קרית יואל):

**1) עס ליגט א חוב** (אויסער דעם פליכט צו העלפן בני עניים) **אויף יעדן טאטן וואס האט די מעגליכקייט, אויסצאלן די פולע קאסטן פון זיין קינד׳ס שכר לימוד.**

**2) ווער ס׳האט נישט די מעגליכקייט צו צאלן דעם פולן פרייז פון זיין קינד, דארף ער געבן זיין ׳ערשטע צדקה געלט׳ אויף אויסצוצאלן דעם דיפערענץ פון זיין שכר לימוד ביז די פולע קאסט פרייז פונעם קינד אין די מוסדות.**

> ״... וכן ס״ל להרב ז״ל (סעיף ג׳) דמי שיש לו בנים בת״ת וידו משגת, יש לו לשלם ׳כל ההוצאות׳ שמוציאין בעבורו, (ועוד זאת שיש לו להשתתף בכיסוי ההוצאות לילדי העניים, דזה מוטל על כל בני העיר כ״א כפי ערכו). ומי שאין ידו משגת ומשלם רק סכום מועט, מ״מ אם יש לו מעות צדקה, בראש וראשון צריך לשלם (מה שחיסר לשלם משכ״ל שלו) ולהחזיק בהת״ת שבו לומדים בניו וכו׳, שזה קודם לכל מצד הדין...״ (שו״ת מנחת יצחק חלק י׳)

***דעריבער אויב איר קענט נישט צאלן דעם פולן שכ״ל, מאכט זיכער אז צוזאמען מיט אייער נדבה זאל דער סכום אנקומען וואס נענטער צו די ריכטיגע ״קאסט פרייז״ פון אייערע קינד!***

# א בליק פון דער נאנט

# אין "בית רחל דרבינו יואל"

## פארווארט

אין די פארגאנגענע "מוסדותינו" אויסגאבעס האבן מיר כסדר באריכטעט פארשידענע נייעס'ן און פארשריט פון די מוסדות הק', ובפרט האבן מיר צוגעשטעלט אינטערעסאנטע און באלערנדע אינטערוויוען, צב"ש:

- **פוירטשעסינג דעפארטמענט פון די מוסדות: הרה"ח ר' משה חיים פריעדמאן הי"ו** (חשון-כסלו תשס"ח)
- **מנהל רוחני פון קינדערגארטן - נורסערי אפטיילונגען: הרה"ח ר' משה ארי' גוטמאן שליט"א** (אדר ב' תשס"ח)
- **מנהל בית התבשיל: הרה"ח ר' אהרן הערש בערקאוויטש שליט"א** (ניסן תשס"ח)
- **הנהלה רוחניות פון כיתות א' ב' ג': הרה"ח ר' משה הערש קליין שליט"א, מנהל, הר"ר יודא הערש בערגער הי"ו, סגן מנהל** (סיון תשס"ח)
- **מעינטענענס מענעדזשער פון די מוסדות: הר"ר מענדל לענעראוויטש הי"ו** (אב תשס"ח)

צווישן די שורות פון די באריכטן זענען מענטשן געווארן געווארן פארשידענע נייע און אינטערעסאנטע פאקטן, וואס מ'האט נישט געוואוסט, אדער פארגעסן, אדער גאר אנגענומען אלס א דבר פשוט.

**אין די קומענדיגע "מוסדותינו" אויסגאבעס ווען מיר דערציילן פאר די ליינער אביסל וואס ס'טוט זיך צווישן די ווענט פון "בית רחל", וואס די פאקטן זענען אביסל אומבאקאנט פאר אונזערע חשוב'ע ליינער שיחיו, סיי פאר די וואס האבן נישט קיין מיידלעך אין אונזערע מוסדות, און אפילו פאר די וואס האבן יא, נאר זיי זענען נישט אינפארמירט איבער אלע אקטיווויטעטן וואס גייען אן אין "בית רחל".**

אינעם היינטיגן נומער וועט איר ליינען א באריכט איבער'ן "פרי - 1-ער" אפטיילונג, און אין די קומענדיגע אויסגאבעס וועלן נאכפאלגן די באריכטן פון די אנדערע אפטיילונגען פון בית רחל.

# לייענט מיט אינטערעסע!

# אריינפיר

עס איז אפשר א שטיקל פארנאכלעסיגונג מצד די הנהלת המוסדות, דאס אז תושבי קרית יואל ווייסן נישט גענוג אפצושאצן דעם אייגנארטיגקייט פונעם בית חינוך לבנות וואס מען שטעלט צו פאר זייערע קינדער; א שולע פאר חינוך הבנות וואס ווערט באוואונדערט איבעראל דורך מחנכים און מחנכות, אפילו גאר ווייט אוועק פון וואו די גרעניצן פונעם אמעריקאנער קאנטינענט ענדיגט זיך.

"בית רחל דרבינו יואל" אין קרית יואל, איז ווירקליך א שטאלץ און א פראכט פאר די גאנצע שטאט. עס שטעלט אהער א ברייטפארצווייגטע חינוך פעסטונג פאר טויזנטער מיידלעך על דרך ישראל סבא, וואס איר הויכע ניווא, ספעציאליטעט און קוואליטעט, מיט וועלכע זי צייכנט זיך אויס אין יעדע איינציגע געביט, האט נישט איר'ס גלייכן אין די גאנצע וועלט.

די טויזנטער צופרידענע עלטערן וועלכע שעפן טעגליך תענוג ונחת פון די קינדער, באמערקן זיכער ווי פון טאג צו טאג ווערן כסדר מער און מער אויסגעברייטערט און איבערגעארבעט, פרישע באלערנדע לימודים, גייסטרייכע פראגראמען, און נאך פארשידנארטיגע אקטיוויטעטן, צו די רוחניות'דיגע הנאה פון די טייערע קינדער און די עלטערן צוגלייך. אבער טראצדעם וואס דאס אלעס ווערט אבזערווירט פון די חשוב'ע עלטערן מיט גרויס פארגעניגן, ווערט דאס אבער ביי פילע אנגענומען ווי נאטורליך, עס קומט גאר אזוי!

פון די אנדערע זייט, די געטרייע מחנכות, מנהלות און מנהלים, וואס זייער גאנצע געדאנקענגאנג לויפט טאג און נאכט מיט וואס נאך מ'קען אויפטון און פארבעסערן לטובת די ערציאונג פון די טויזענטער קינדערלעך, זיי פאלט גארנישט איין צו גיין טריאומפירן אין די גאסן איבער די זעלטענע אימערמידליכע כוחות וואס ווערן דורך זיי אריינגלייגט מידי יום ביומו, און די אויסטערלישע דערגרייכונגען און הצלחות צו וועלכע זיי האבן דערגרייכט, וואס צוליב דעם באקומען זיי טעגליך הילפס רופן און אנפראגעס פון אלע זייטן איבער דער גארער וועלט, פון מנהלים און מחנכות וועלכע ווילן וויסן וויאזוי מען האט באוויזן די אלע אומגלויבליכע אנטוויקלונגען אין "בית רחל דרבינו יואל אין קרית יואל".

עס פארלאנגט זיך פארט אז די חשוב'ע עלטערן וועלכע זייערע קינדער ווערן נתחנך אין דעם בית רחל, זאלן פון צייט צו צייט ווערן אביסעל אינפארמירט, וואספארא כוחות מען לייגט אריין פאר'ן חינוך פון זייערע קינדער. אודאי איז נישט מעגליך אויפאיינמאל, און זיכער נישט אין געציילטע בלעטער, צו שילדערן א דעטאלירטע באריכט פון די הונדערטער לימודים און פראגראמען וואס ווערט צוגעטשעלט פאר די מיידלעך פון גרויס ביז קליין, יעדע יארגאנג באזונדער מיט אירע צוגעפאסטע סטאנדארטן. אבער פטור בלא כלום אי אפשר, דערפאר ווילן מיר געבן גאר א קורצע אויבנאויפיגן באריכט איבער דעם חינוך סיסטעם אינערהאלב די מיידעל שולע, כדי מ'זאל כאטש האבן א שטיקל בליק במה דברים אמורים.

## דער פעסטער פונדאמענט – די שטארקע ווענט

ווען מיר ווילן רעדן וועגן אונזער בית רחל דרבינו יואל, איז דאס ערשטע וואס מיר מוזן ארויסברענגען די פעלזן-פעסטע יסודות אויף וועלכע די בית רחל איז וועקגעשטעלט.

אין די פילע הונדערטער וואונדערבארע פראיעקטן וועלכע ווערן אדורכגעפירט אינעם בית רחל, איז דא איין פערל שנירל וואס שנירט זיך אדורך אין דעם פנימיות פון די אלע זאכן. די הנהלה האט איין געמיינזאמע ציל, מחנך צו זיין אידישע טעכטער גענצליך אויפ'ן אור אלטן שטייגער, מיט די אמאליגע באשיידנקייט צניעות און ערליכקייט, און אויפשטעלן שטארקע שוץ מויערן צו האלטן די מיידלעך אפגעשיידט פון די היינטיגע שווערע נסיונות אין די מאדערנע וועלט.

די ציל איז נישט נאר אין טעאריע; אלעס אין בית רחל דרייט זיך ארום אט די הייליגע יסודות. די מנהלים, מנהלות, לערערינס, מיטארבייטער, אלע לימודים, פונקציעס, פראגראמען א.א.וו. אלעס דרייט זיך ארום דעם איינעם פונקט, ארויסצוגעבן גוטע פירות, ערציגן ערליכע אידישע טעכטער וואס זייער אויפפירונג און באנעמונג זאל זיין הונדערט פראצענט אויסגעהאלטן על פי תורה און על פי מסורה מדור דור.

ווידער די מיטלען אנצוקומען צו דעם הייליגן ציל, זענען אומגעהויערע כוחות, קאפ און מח, אויסטערלישע הארוואניע, פון א ריזיגע שטאב פון די ערפארענסטע און טאלאנטפולסטע מחנכות, מיט ריינע ערליכע השקפות, אונטער'ן אויפזיכט פון די חשוב'ע מנהלים, וועלכע געבן זיך איבער טאג און נאכט צו פארשענערן און פארברייטערן כסדר די חינוך אקטיוויטעטן וואס ברענגען צו דעם ציל פונקט.

## געקניפט און געבינדן

ברוך השם דער מוסד וואקסט און בליהט, עס קומען צו נייע קלאסן, נייע בנינים, אבער די מוסדות וואקסט נישט נאר בכמות, עס וואקסט און בליהט אויך באיכות, זינט רבינו הק' זי"ע האט געלייגט דעם גרונדשטיין צו א מיידל שולע, אויסגעארבעט די פונדאמענטן, די יסודות אויף וואס א בית חינוך לבנות דארף שטיין, זינט דאן בויעט זיך דער איכות פון בית רחל.

די גרויסע עבודה פון רבינו הק' זי"ע, זיינע תפילות און טרערן, זיינע דרשות געווענדעט צו אידישע טעכטער, זיינע אנווייזונגען צו די הנהלה און באגלייטונג ביי יעדן שריט און טריט. ואחריו כ"ק מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זצוק"ל ולהבחל"ח כ"ק מרן רבינו שליט"א, זייערע כוחות און באגלייטונג דורכאויס אלע יארן, האט פארברייטערט אלץ מער און מער די קוואליטעט, דער איכות פון דעם חינוך וואס מען גיט דא אין בית רחל.

חכמינו ז"ל זאגן אויף קמחית: "כל קמחיה קמח וקמחיה קמחית סולת", אז מען קוקט זיך ארום אין די היינטיגע וועלט, ספעציעל ביי חינוך הבנות, קען מען באמת זאגן אויף בית רחל "וקמחיה קמחית סלת" די קוואליטעט פון דעם חינוך אין אונזער בית רחל איז ב"ה פון די פיינסטע קוואליטעט וואס עס איז דא היינט. עס איז א חינוך וואס רבינו הק' זי"ע האט אליין אויסגעפארעמט, אראפגעשטעלט די יסודות. רבינו הק' זי"ע ברענגט אין ויואל משה וואס מען דארף לערנען מיט מיידלעך און די הנהלה האלט זיך פעסט צו דעם אויסגעטראטענעם וועג נישט אפצוטרעטן פון דעם דרך אפי' מיט א האר. און ב"ה מען זעהט סייעתא דשמיא אויף טריט און שריט.

## דער וואונדערבארער אויסשטעל

ווען א קינד פון דריי יאר עפנט די טירן פון בית רחל, האט זי געעפנט די טיר צו א נייע וועלט, צו איר צווייטן היים, אין דעם היים וועט זי פארברענגען די קומענדיגע פערצן יאר בעזהשי"ת, דא וועט מען איר אפווארטן מיט ווארימקייט און ליבליכקייט, מען וועט באגלייטן איר ענטוויקלונג יאר נאך יאר מיט א ספעציעלע אויפמערקזאמקייט, מען וועט צושטעלן וואס עס פעלט זיך איר אויס אז זי זאל טאקע אויסוואקסן די ערליכע אידישע טאכטער מיט יראת שמים און צניעות, מיט צופרידנקייט און מדות טובות, אזוי ווי אירע עלטערן און די הנהלה וואונטשען זיך.

כדי מען זאל זיך קענען אפגעבן מיט יעדעס קינד באזונדער, איז בית רחל איינגעטיילט אין עטליכע אפטיילונגען, דאס קינד געפינט זיך אין איין אפטיילונג בערך דריי אדער פיר יאר, אויף יעדע אפטיילונג איז דא א מנהלת און א שטאב אין אפיס וועלכע געבן זיך אפ מיט יעדן קינד באזונדער, ווי אויך לייגט מען אריין כוחות אין די לימודים עס זאל זיין ללמוד על מנת לעשות, צוגעפאסט צום עלטער און ניווא פון די קינדער.

**איבער אלע אפטיילונגען שטייט די צענטראלע הנהלה, די צוויי חשוב'ע מנהלים הר"ר אלי' שלמה קאהן שליט"א און הר"ר שלום וועבערמאן שליט"א וואס זיי האבן דעם גאנצן בילד פון יעדן קינד פון די קינדערגארטן יארן ביזן גראדועישן ביי די זיבעצן יאר. אזוי אויך טוען זיי אנווייזן פאר די סגן מנהלות אין אלע ענינים וויאזוי זיך צו פירן.**

די הנהלה רוחניות שפירט א ספעציעלן הכרת הטוב פאר'ן געטרייען מענעדזשער פון די בית ברחל בנינים, הרה"ח ר' יוסף מענדל ברוין הי"ו, וועלכער שטייט צו הילף מיט איבערגעגעבנקייט אויף סיי וועלכן ענין, א חזקה וואס ער האלט שוין בליעה"ר פאר לאנגע יארן צו גוטן, נאך זייענדיג א מענעדזשער אין די מוסדות בנינים מיום התייסדות קרית יואל.

## מיט די פולסטע אחריות

די הנהלה רוחנית ערפילט איר ראלע מיט גרויס פארזיכטיגקייט און אחריות, סיי אין די ראמען פון די בית רחל קלאסן, און סיי ווען די תלמידות האבן שוין גראדואירט, די ערשטע פאר יאר נאכ'ן פארלאזן די שולע, באגלייט די הנהלה אירע תלמידות מיט א שטארקע אויפזיכט (ביז אלע האבן חתונה בשטו"מ).

אויך נעמט די הנהלה די פולסטע אחריות אין די זמנים ווען עס איז נישטא קיין שולע, צ.ב.ש. אין די זומער מאנאטן ווען די שולע איז געשלאסן, די הנהלה גייט נישט אויף וואקאציע, די הנהלה שטעלט צו א הערליכן זומער פראגראם וואס זאל זיין אויפ'ן זעלבן שטייגער ווי דער חינוך וואס מען באקומט אין שולע צייט.

## לערערינס מיט ערפארונג

דער סיסטעם אמאל אין בית רחל איז געווען אז די לערערינס אין די עלעמענטרי קלאסן (ביז אכטע קלאס) זענען געווען מיידלעך וואס האבן נארוואס גראדואירט, ביז צוויי דריי יאר האט זיך געטוישט דער גאנצער שטאב פון לערערינס, וויבאלד א לערערין האט חתונה געהאט און געהאט א קינד האט זי נישט געקענט אנהאלטן איר פאסטן.

א דאנק די פארשטענדעניש פון די הנהלה גשמית - טראץ די גרויסע קאסטן - האט מען מיט עטליכע יאר צוריק אויסגעארבעט מערערע פארשידענע פריווילגיעס פאר ערפארענע לערערינס, וואס וואלטן מיט די יארן לויט די אמאליגע אומשטענדן פארלאזט זייער שטעלע, און מיט די ספעציעלע פריווילגיעס קענען זיי זיך ערלויבן אנצוהאלטן זייער פאסטן אויף נאך עטליכע יאר.

דאס איז א געוואלדיגער דורכברוך, ווייל עס איז נישט צו פארגלייכן די רעזולטאטן פון די ארבעט פון אן ערפארענע לערערין און א נייע לערערין וואס לערנט זיך נארוואס אויס איר פאסטן.

ספעציעל דערקענט זיך די געוואונטשענע רעזולטאטן פון לערערינס וואס זענען שוין אליינס מאמעס צו קינדער, וואס זיי האבן א ספעציעלע פארשטענדעניש און סענסיטיוויקייט צו יעדן קינד באזונדער, די הנהלה קוקט שטארק ארויס וואס מער צו פארבעסערן די שטאב פון לערערינס, אז יעדעס קינד זאל באקומען די מאקסימום וואס מען קען געבן.

## נייע לערערינס מיט אלטע ערפארונג

אינעם זעלבן ליכט, לייגט די הנהלה אריין פיל כוחות, אז עס זאלן אויסוואקסן נאך פרישע ערפארענע לערערינס. איידער עס הייבט זיך אן א פרישע שולע יאר, ווען מ'נעמט אויף נייע לערערינס, איז צוגעשטעלט א באזונדערע געלונגענע סיסטעם צו טרענירן די צוקונפטיגע לערערינס צו זייער נייע ארבעט.

אזוי אויך איז דא אן ערפארענע מחנכת וואס גיבט זיך אפ מיט די נייע לערערינס. זי באגלייט זיי און שמועסט אויס מיט זיי אלע שוועריגקייטן, לערנט זיי יעדע נייע ערשיינונג, יעדע נייע לימוד וויאזוי עס צו לערנען מיט די קינדער.

# פרי-1-עי אפטיילונג



**מנהלת:** מרת שווארץ

**קלאסן:** 12

**קינדער:** 270

**געביידעס:** בעיקערטאון

**יארגאנג:** 5-6 יאר

ספעציעלע כוחות לייגט מען אריין אין די PRE 1-A, די יאר פאר די קינדער גייען אריין אין די ערשטע קלאס, וואס דאן גרייט מען שוין פאקטיש צו די קינדער אז זיי זאלן זיין גרייט און באקאנט, צו קענען געהעריג מיטהאלטן מיט די נייע לימודים וואס ערווארט זיי.

מיט "פרי-1-עי" איז מען מסיים די פרי-סקול יארן, אין דעם יאר פירט מען דורך דעם ערשטן גראדועישאן, און עס עפנט זיך די טיר פאר די קינדער, אריינצוגיין צו די עלעמענטרי קלאסן.

## לימודים

דער סדר הלימודים איז אויסגעשטעלט אויף אן אויסערגעווענליכן סיסטעם. יעדער שיעור ווערט אראפגעגעבן מיט ספעציעלע מאטיוון, וואס די לערערין גרייט צו, צו כאפן דאס הארץ פון די קינדערלעך אז ס'זאל זיי זיין ווי מער אינטערעסאנט. ווען א שיעור ווערט גוט אראפגעגעבן און די קינדערלעך הערן זיך צו מיט אן אינטערעסע, דאן טוט דאס זיי באגלייטן אויף שטענדיג. זייערע קעפעלעך ווערן אנגעפילט מיט אסאך שיינע געדאנקען, בשעת זייערע תמימות'דיגע הערצעלעך ווערן באנומען פון אלעס וואס די חשוב'ע לערערין געט זיי איבער מיט א געוואלדיגע איבערגעגעבנקייט.

**פרשה** - בשעת א פרשה שיעור אין קלאס הערשט א



די קליינע רבקה איז א מאגנעט וואס קען שעפן וואסער און דערנאך עס געבן פאר די קעמעלעך...

געוואלדיגע אנגענעמע אטמאספערע. די קינדערלעך זיצן פארגאפט בשעת זיי הערן און קוקן זיך צו ווי די געטרייע לערערין שפילט אויס מיט א פולע חיות די גאנצע געשעעניש, אזוי אז עס קוקט אויס ווי די גאנצע מעשה האט יעצט פאסירט.

ביים צוזאמשטעלן אן art לייגט מען א גרויסן דגוש אז די קינדערלעך זאלן אהיימטראגן זייער אייגענע ארבעט וואס זיי האבן אליינס געמאכט. אויף יעדע פרשה ווערט אויסגעארבעט אן art וואס ווען די קינדערלעך ענדיגן דאס קענען זיי מיט דעם דערציילן עפעס א חלק פון די פרשה, וואס דאס טוט שטארק אויסברייטערן דעם קינד'ס שפראך און קענטעניס.

**מדות** - די לערערינס געבן צו פארשטיין פאר די טייערע שעפעלעך ווי וויכטיג עס איז צו זיין באהאווענט אין אלע מדות טובות. עס ווערט צוגעשטעלט א גאר רייכע קאריקיולעם און זייער אינטערעסאנטע פראגראמען וויאזוי מ'גייט אדורך יעדע מדה זייער קלאר און גרונטליך.

מ'פאנגט אן מיט מדות וואס מ'לערנט ארויס פון די סדרה, ווייל דאן האט דאס קינד א גוטע יסודות'דיגע ביישפיל פון די סדרה, צב"ש די מדת החסד וואס מ'קען זיך ארויסלערנען פון רבקה אמנו.

דערנאך גייט מען ווייטער מיט די יסודות, צב"ש זאגן מודה אני, טון אלעס מיט די רעכטע האנט, ווי אויך אלע מדות וואס פעלט זיך אויס דורכ'ן טאג, דרך ארץ, גריסן, כיבוד אב ואם וא"ו.

כדי צוצופלייסן די קינדער, שיקט מען אהיים פון מאל צו מאל א טשארט וואס די עלטערן דארפן אויספילן איבער די מדות און אויפפירונג פונעם קינד, וואס דאס טוט איינגעוואוינען דאס קינד זיך אויפצופירן אויפ'ן ריכטיגן וועג.

אויך ווערט אויסגעארבעט הערליכע ארטס פון יעדע מדה באזונדער, וואס ברענגט ארויס די וויכטיגקייט פון אויסארבעטן יענע מדה, און די קינדערלעך ווערן זייער אנגעווארעמט און פארשטייען אלעס זייער קלאר.

**נומערן** - די הנהלה פון פרי-1-עי האט געשפירט אז די קינדערלעך זענען שוין גענוג רייף און עס איז פאר זיי זייער פאסיג און זייער וויכטיג שוין צו קענען לייענען און שרייבן

ריכטיג די נומערן.

ווען עס קומט צו לערנען נומערן אין קלאס, הערשט א פרייליכקייט, ווייל יעדע נומער ווערט געלערנט מיט אן אינטערעסאנטע שפיל, וואס ברענגט ארויס דעם ווילן פון יעדעס קינד צו קענען צייל און שרייבן גוט די נומערן. די קינדערלעך שפירן זיך באמת גליקליך אז זיי קענען שוין סיי ליינען און סיי שרייבן זייער טעלעפאן נומער און אדרעס.

## ל"ט מלאכות

עס לאזט זיך נישט גלייבן אבער דער מציאות האט געוויזן אז מען קען לערנען און טון מיט די קליינע קינדער זייער זייער פיל. ס'איז א קלארע פאקט אין "פרי-1-עי" אז די תלמידות גייען אהיים יעדע וואך קענענדיג נאך א מלאכה פון די ל"ט מלאכות. פארשטייט זיך אז די מלאכות ווערן געלערנט לויט זייער פארשטאנד.

כדי די מיידלעך זאלן באמת זיין זייער קלאר, טוט מען יעדע וואך עפעס גאר אן אינטערעסאנטע עקספירימענט אויף דעם מלאכה, וואס דאס וועט זיי בעז"ה אויף אייביג באגלייטן.

צב"ש ביים לערנען די מלאכה פון "החורש" זענען די קינדערלעך ארויסגעגאנגען אינדרויסן צו די זאמד, און מיט שאוולען האט מען געגראבן, און דערביי האט די לערערין ארויסגעברענגט אז שבת טאר מען דאס נישט טון. און דאס זעלבע ווערט געטון ביי יעדע מלאכה.

## עברי

אויף "עברי" ווערט געלייגט א ספעציעלן דגוש אין דעם יארגאנג.

דא דארף קלאר ארויסגעברענגט ווערן, אז ביי אונז אין בית רחל איז איינגעפירט א באזונדערע עברי סיסטעם וואס אזאנס איז אין ערגעץ נישט פאראהאנען! עס ווערט אויסגעשטעלט מיט אסאך קאפ און מח דורך די חשוב'ע מנהלת מרת מאנן שתחי', וועלכע איז געווארן געשטעלט ספעציעל אויפ'ן לימוד פון "עברי".

דער עברי אפטיילונג באשטייט פון 34 ערפארענע לערערינס, וואס יעדער פון זיי צייכנט זיך אויס מיט איר איבערגעגעבנקייט און פראפעשיאנאליזם. די "עברי" פאדערט אזא גרויסע שטאב, ווייל ביים לערנען עברי ווערן די קלאסן צעטיילט אויף קלענערע גרופעס, כדי מען זאל זיך קענען בעסער אפגעבן מיט יעדעס קינד באזונדער.

מען אבזערווירט יעדעס קינד באזונדער, און אויב שאפט זיך א פראבלעם טוט מען דאס גלייך באהאנדלן, כדי ס'זאל נישט ווערן ערגער.

כדי די קינדער זאלן האבן א חשק און אינטערעסע צו קענען די עברי, טוט מען אויך אויסארבעטן אסאך מאטיוון און אינטערעסאנטע "סטענסילס", וואס דורכדעם ווערן די קינדער מער אינטערעסירט און כאפן אויף שנעל א נייע קול און א נייע נקודה.

סוף יאר קענען שוין די קינדערלעך צוזאמשטעלן ווערטער מיט 2-3 אותיות, מיט נקודות (אן די כללים).

עס דארף ארויסגעברענגט ווערן, אז אין בית רחל איז מען נישט משנה פונעם דרך הלימוד אויף עברי וואס רבותינו הקודמים האבן איינגעפירט און דער רבי זי"ע האט אויפגעפאדערט מ'זאל זיך האלטן דערצו און ח"ו נישט טוישן.


הקוצר


המעמר


החורש


הזורע


הדש

## שרייבן

עס איז א נחת צו זעהן דעם שטראל פון פרייד אויף די פנימ'ער פון די קינדער ווען מען געט זיי דעם שרייבן בוך צום ערשטן מאל און מען הייבט אן צו שרייבן אידישע אותיות.

עס איז וויכטיג צו באטאנען אז דער שרייבן בוך איז צוזאמגעשטעלט געווארן דורך די הנהלת הבית רחל, מיט א געוואלדיגע אויסשטעל און סדר אז די קינדער זאלן קלאר ארויסהאבן די אותיות און דאס געדענקען.

כדי ארויסצוברענגען פון יעדעס מיידל אז זי זאל קענען גוט און פונקטליך שרייבן, האט מען אויפגענומען ספעציעלע פראפעסיאנאלע לערערינס אין יעדע קלאס, און זיי לערנען מיט די מיידלעך בשעת די קינדער'ס געטרייע לערערין העלפט צו אז דאס שרייבן זאל גיין ווי ס'דארף צו זיין.

הגם אין אנדערע שולעס לערנט מען שוין ענגליש ביי אזא יארגאנג, אבער וויבאלד עס איז דא א תקנה פון רביה"ק זי"ע אז מ'זאל נישט לערנען ענגליש בעפאר די ערשטע קלאס, פארלייגט מען זיך מער אויף אויסצולערנען שרייבן אידישע אותיות און אנדערע אידישע לימודים.




## נפלאות הבורא

עס קען זיך הערן זייער אפט צווישן די שמועסן פון איין מאמע מיט'ן צווייטן, אז זיי טוען אליינס נישט גלייבן וויפיל די קליינע קינדערלעך ווייסן און באגרייפן. נאכדעם וואס א נפלאות הבורא שיעור ווערט אראפגעגעבן מיט א הערליכע לעקציע, באגלייט יעדעס מאל מיט אן אנדערע אינטערעסאנטע פראגראם, איז אוודאי נישט קיין וואונדער אז זיי פארשטייען די גרויסקייט פון די וואונדער פון באשעפער.

## לייען און דערצייל

איין מאל א וואך זעצט די לערערין אראפ איר קלאס מיט א רואיגקייט, אלע מיידלעך באקומען דעם זעלבן אינטערעסאנטן ביכל, און די לערערין לייענט פאר די מעשה, בשעת אלע קינדער האלטן מיט די מעשה לויט די בילדער. די רואיגע און אנגענעמע אטמאספערע וואס הערשט דאן אין קלאס איז א סצענע פאר זיך.



די צייט איז א געוואלדיגע געלעגנהייט פאר פארברייטערן דעם שפראך און געדאנקענגאנג פון די קינדער. דאס לערנט די קינדער וויאזוי צו טראכטן און וואס ס'איז פאסיג צו פרעגן. די קינדער קוקן שטארק ארויס אויף דעם צייט אין וואך.

## שפילן און אקטיוויטעטן









די פרי-1-עי קינדער זענען די עלטסטע פון די פרי-סקול קלאסן. זיי זענען שוין מער-וויניגער אויסגעוואקסן צו שפילן אזויפיל מיט "טויס" ווי די קלענערע קינדער (אפילו עס ווערט צוגעשטעלט עדיוקעישאנעל טויס פאר זיי). דערפאר איז אויך צוגעשטעלט געווארן אקטיוויטעטן וואס זענען געאייגנט פאר קינדער אין זייער יארגאנג, צב"ש געימס, פאזלס, ספארטס, זאמד וואס מ'קען בויען דערמיט, און אנדערע זאכן וואס מ'דארף נוצן דעם מח, וואס דורך די אינהאלטספולע שפילן וואס די קינדער פארברענגען איניאיינעם, ווערט שטארק ארויפגעארבעט זייערע "פיין מאטאר סקילס", און זיי לערנען זיך אויס נאכצופאלגן אנווייזונגען, און זייער מח ווערט אנטוויקלט אויף א שטארקן אופן.

ביים סוף יאר זענען די קינדער שוין זעקס יאר אלט, און

זיי קענען שוין אליין צוזאמשטעלן א פאזל פון 200 שטיקלעך. עס איז א נחת צו זעהן ווי זייער פנים שיינט מיט'ן פארטיגן פאזל, און דאס איז א געוואלדיגע דערגרייכונג אז דאס קינד קען דאס שוין אליין באווייזן און איר מח איז שטארק אנטוויקלט געווארן דערפון.

## פארבינדונג מיט די עלטערן

כדי די פרי-1-עי קינדערלעך זאלן קענען שטייגן, פעלט זיך אויס די ריכטיגע פארבינדונג מיט די עלטערן.

יעדע וואך ווערט אהיימגעשיקט מיט די מיידלעך א ספעציעלע "טאוט-בעג" (צוגעשטעלט דורך די הנהלה), וואס אינעווייניג געפינט זיך א פאלדער. אינעם פאלדער לייגט מען אריין א "זשורנאל" וואס אנטהאלט אלעס וואס מ'האט געלערנט דורכאויס די וואך, באגלייט מיט בילדער. אזוי זאמלט זיך אן די זשורנאלן פונעם גאנצן יאר, וואס די קינדער קענען עס שפעטער דורכקוקן און געדענקען וואס זיי האבן געלערנט, און פארשטייען עס לויט די בילדער. סוף יאר בלייבן די מיידלעך מיט א הערליכע ביכל זכרונות פון פרי-1-עי.

ווי אויך גיט דאס פאר די עלטערן א קלארע בילד וואס עס האט זיך אפגעשפילט דורכאויס די וואך אין פרי-1-עי.

די קינדער טראגן יעדע וואך אהיים די פרשה, מדה, ל"ט מלאכות, פראגן און לידער, פון וואס מ'האט געלערנט יענע וואך.

אינמיטן יאר קומט פאר אן עלטערן-לערערינס פארזאמלונג (PTA), וואו די עלטערן קומען זיך ספעציעל אדורכשמועסן מיט די לערערינס וויאזוי זייערע טעכטער שטייגן, און וויאזוי מ'קען האבן א געמיינזאמע שותפות און ארויסברענגען דאס מערסטע פון יעדעס קינד.

ווען די קינדער ענדיגן דעם יאר אין פרי-1-עי, גראדואירן זיי פון פרי-סקול, און זיי זענען גרייט אריינצוגיין אין ערשטע קלאס און אנהייבן די עלעמענטרי סקול.

סעמפל פון די וועכענטליכע זשורנאלן וואס ווערן אהיימגעשיקט












**לייענט די קומענדיגע אויסגאבע אי"ה**

נורסערי קאזניץ בילדונג - קינדערגארטן בית רחל בילדונג

1#

על שלשה דברים העולם עומד

תורה · עבודה · גמ"ח

על התורה:

# קיומו של תור"ה!

# 911!

## קינדער

### פון מלמדים, מרביצי תורה וכלי קודש ועוד

**ווערן גענצליך נישט געדעקט דורך "שכר לימוד"**
(אדער בלויז גאר א מינימאלע צאל)

## מיט'ן ספאנסערן אזא קינד האט איר געמאכט דעם ריכטיגן שותפות יששכר-זבולון!

Dart Design 845.782.6558

# 2#

על שלשה דברים העולם עומד




על העבוד"ה:

# ויאנחו בני ישראל מן העבוד"ה

# 756!

# קינדער

## וואס צוליב דעם מצב העבודה ופרנסה

(האבן נישט קיין ארבעט ל"ע, פארלוירן מקור הפרנסה וכדומה)

**קענען זיי נישט צאלן קיין שכר לימוד**

(אדער בלויז א גאר מינימאלע צאל)

**ווען איר ספאנסערט אזא קינד, שטעלט איר אויף די פיס א איד וואס איז געענגט אין פרנסה און איר זענט מקיים מצות 'והחזקת בו', וואס איז די גרעסטע מדריגה אין צדקה (רמב"ם)**

Dart Design 845.782.6558

# 3#

על שלשה דברים העולם עומד




על גמילות חסדים:

# תורת חיים ואהבת חס"ד

# 756!

# קינדער

**פון משפחות וואו ס'איז ל"ע נישטא קיין ראש המשפחה!**
**ווי אויך פון צעבראכענע שטיבער, געזונט פראבלעמען ל"ע,**

וועלכע זענען נישט אומשטאנד צו צאלן שכר לימוד,
און דאס פאלט צו עול אויף די מוסדות הק'.

# מיט'ן ספאנסערן אזא קינד זענט איר מקיים די גרעסטע מדריגה פון "חסד"!!!

Dart Design 845.782.6558

# א לעבעדיגע בליק אויף די נוירסערי
## חשון תשס"ט

### פ' לך לך



דער קאלעך אויוון



אין די קאלעך אויוון



פארשטעלט ווי אברהם אבינו און לוט טראגן די קאסטן פון באבע שרה

### פ' וירא



דריי מלאכים ביי די טיר פון געצעלט





# א לעבעדיגע בליק אויף די נוירסערי
## חשון תשס"ט

### פ' חיי שרה



מיר זענען געפארן זעהן קעמעלעך



די 3 ניסים פון שרה און רבקה'ס געצעלט
יעדע אינגל האט באקומען א שטיקל פון די גרויסע חלה

### פ' תולדות




אויפן דאך פון געצעלט איז געווען א וואלקן



די קינדער מאכן רויטע לינזן זופ





# א לעבעדיגע בליק אויף די נוירסערי
## חשון תשס"ט






פ' ויצא





# וואס איז מיין הלכה'דיגע פליכט אלס תושב העיר, כלפי די בני עניים פון די מוסדות הק'?

## יעדער איז מחויב צו זיין נושא בעול כפי ערכו, אפילו ער האט נישט קיין קינדער אין די מוסד

כי כן היתה עיקר תקנת חכמים להושיב מלמדי תינוקות בכל עיר ועיר בין גדולה בין קטנה, ולהטיל שכר מלמדי כל התינוקות שבעיר בין עשירים בין עניים על כל הקהל שבעיר כל אחד כפי השגת ידו אפילו מי שאין לו בנים, כשאר נתינות הקהל שהן לפי ממון.

(שו"ע הרב, יו"ד הל' ת"ת פרק א')

## אפילו ווער עס איז נישט ביכולת דארף זיך אויך אנשטרענגען

ממילא מחוייבין למסור עצמן ולעשות כל טצדקי לסייע ולהחזיק, ואפילו מי שאין סיפק בידו מחוייב להחזיק זאת כנ"ל וחיובא רמיא על כאו"א, ואין זה בכלל מצות צדקה לחוד, אלא הוא בכלל החזקת כל הדור וכו', וזה מיקרי אשר יקים את דברי התורה הזאת.

(ויואל משה, מאמר לשה"ק)

## נאר דורכ'ן שטיצן די בני עניים איז מען מקיים די מ"ע פון "ולמדתם את בניכם"

המחזיק לבניו לבד ואינו משתדל וחושש לבני עניים, הנה הוא ודאי עבר אדרבנן לא תסור וכו' תקנת רבי יהושע בן גמלא, אבל נוסף לזה גם המ"ע מדאורייתא ולמדתם וכו' לא קיים.

(קונטרס תמכין דאורייתא מבעל בני יששכר, דף ע"ט)

## די הארבסטע תקנה פון חז"ל

אחר שנעשה התקנה להושיב מלמדים בכל עיר ועיר, החמירו חז"ל בתקנה זו יותר מבתקנות אחרות וכו', שראו חז"ל במלמדי תינוקות ותשב"ר קיום כל התורה וכל העולם כולו.

(ויואל משה, מאמר לשה"ק)

## די ערשטע צדקה דארף גיין אויסצוצאלן דעם פולן פרייז, וואס די הנהלת המוסדות לייגט אויס פאר זיינע קינדער

"... וכן ס"ל להרב ז"ל (סעיף ג') דמי שיש לו בנים בת"ת וידו משגת, יש לו לשלם 'כל ההוצאות' שמוציאין בעבורו, (ועוד זאת שיש לו להשתתף בכיסוי ההוצאות לילדי העניים, דזה מוטל על כל בני העיר כ"א כפי ערכו). ומי שאין ידו משגת ומשלם רק סכום מועט, מ"מ אם יש לו מעות צדקה, בראש וראשון צריך לשלם (מה שחיסר לשלם משכ"ל שלו) ולהחזיק בהת"ת שבו לומדים בניו וכו', שזה קודם לכל מצד הדין..."

(שו"ת מנחת יצחק חלק י')

## פירט אויס אייער תורה'דיגע פליכט דורכ'ן אנטיילנעמען אין דעם

# "בן גמלא" קאמפיין

דינער השנתי

ישיבה
תורה ויראה
ובית רחל
דרבנו יואל
דסאטמאר

קרית יואל

דינער שנת תשס"ט

ברוך אשר יקים את דברי התורה הזאת

# מוצאי שבת קודש
# פ' וישלח הבעל"ט

## למספ' Dec. 13

## באולם בית רחל פאראדייס

DESIGN & PRINT 845.782.3382